


צענטראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

# דער מילנער
# די מילנערין
# און די מילשטיינער

1922

13/3341

01-B 1338

YIVO INSTITUTE FOR JEWISH RESEARCH, INC. N.Y.




צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

# דער מילנער
# די מילנערין
# און די מילשטיינער

1334

דער מילנער די מילנערין און די מילשטיינער

דערציילט פון פעטער בן ציון

אילוסטרירט פון אליעזר ליסיצקי

פארלאג קולטור-ליגע

ו ו א ר ש ע

ת ר פ ״ ב



געווען אַמאָל אַ **מילנער** און אַ **מילנערין**, האָבן זיי
געהאַט אַ פּאָר **מילשטיינער**.



פלעגן דער מילנער און די מילנערין זאָגן:

— מילשטיינער, מילשטיינער, גיט אונז קאָרענע מעל, באַקן ברויט אויף דער וואָך!

האָבן די מילשטיינער געגעבן קאָרענע מעל, און דער מילנער און די מילנערין פלעגן באַקן ברויט אויף דער וואָך.

— מילשטיינער, מילשטיינער, גיט אונז ווייצענע מעל, באַקן חלה אויף שבת!

האָבן די מילשטיינער געגעבן ווייצענע מעל, און

דער **מילנער** און די **מילנערין** פלעגן באַקן חלה אויף שבת.



גייט איינמאָל דער פריץ, זעט ער, ווי דער **מילנער** און די **מילנערין** בעטן **מעל** ביי די **מילשטיינער** און די **מילשטיינער** געבן.

קומט דער פריץ צו דעם **מילנער** און דער **מילנערין**:

— **מילנער און מילנערין**, קאָן מען ביי אייך איבערנעכטיקן?

— מע קאָן!

בײַנאַכט איז אױפֿגעשטאַנען דער פֿריץ, גענומען די **מילשטײנער**, אײנעם אונטער דער רעכטער פּאַכווע, אײנעם אונטער דער לינקער פּאַכווע און אַוועקגעגאַנגען.

אינדערפֿרי, אױפֿגעשטאַנען דער **מילנער** און די **מילנערין** —

ניטאָ די **מילשטײנער**!



האָט דער מילנער און די מילנערין געשיקט דעם
פערד צום פריץ, אָפּנעמען די מילשטיינער.



געקומען דער פערד צו דעם פריץ:
— פריץ, פריץ, גיב אָפּ די מילשטיינער!
— איך וועל ניט געבן!
און דער פריץ האָט גענומען דעם פערד און אָפּגע־
פירט צו זיך אין שטאַל אַריין.
איז דער פערד צוריק ניט געקומען.

האָט דער מילנער און די מילנערין געשיקט די קו צום פּריץ, אָפּנעמען די מילשטיינער.



געקומען די קו צו דעם פּריץ:

— פּריץ, פּריץ, גיב אָפּ די מילשטיינער!

— איך וועל ניט געבן!

און דער פּריץ האָט גענומען די קו און אָפּגעפירט צו זיך אין שטאַל אַריין.

איז די קו צוריק ניט געקומען.

האָט דער מילנער און די מילנערין געשיקט די
ציג צום פריץ, אָפּנעמען די מילשטיינער.



געקומען די ציג צו דעם פריץ:
— פריץ, פריץ, גיב אָפּ די מילשטיינער!
— איך וועל ניט געבן!
און דער פריץ האָט גענומען די ציג און אָפּגעפירט
צו זיך אין שטאַל אַריין.
איז די ציג צוריק ניט געקומען.



זאָגט דער **האָן**:

— איך וועל גיין אָפּנעמען די **מילשטיינער!**

געקומען דער **האָן** צום פּריץ:

— פּריץ, פּריץ, **גיב אָפּ די מילשטיינער!**

**— איך וועל ניט געבן!**

איז דער האָן אַרויפגעשפּרונגען אויפן פענסטער, אַריינ־
געשטעלט זיין שנאָבל דעם פּריץ אין רעכטן אויער אַריין:

— פּריץ, פּריץ, **גיב אָפּ די מילשטיינער**, אַז ניט,
פּיק איך אויס דיין מוח!

דער פּריץ געוואָרן אין כּעס, געכאַפּט די שווערד,
געוואָלט אָפּהאַקן דעם **האָן** דעם קאָפּ.
דער האָן האָט געגעבן אַ פֿלי אָפּ,
נאָר זיך דאָס רעכטע אויער אָפּגעהאַקט!



האָט דער **האָן** אַרײַנגעשטעקט זײַן שנאָבל דעם פּריץ
אין לינקן אויער אַרײַן:
— פּריץ, פּריץ, גיב אָפּ די **מילשטײנער**, אַז ניט,
פּיק איך אויס דײַן מוח!
דער פּריץ געוואָרן אין כּעס, געכאַפּט די שווערד,
געוואָלט אָפּהאַקן דעם **האָן** דעם קאָפּ.
דער **האָן** האָט געגעבן אַ פֿלי אָפּ,
נאָר זיך דאָס לינקע אויער אָפּגעהאַקט!
איז דער **האָן** אַרויפֿגעפֿלויגן דעם פּריץ אויפֿן קאָפּ:
— פּריץ, פּריץ, **גיב אָפּ די מילשטײנער**, אַז ניט,
פּיק איך אויס דײַן מוח!
דער פּריץ האָט זיך דערשראָקן און אָפּגעגעבן די מיל־
שטײנער.

דער האָן האָט גענומען די מילשטיינער, איינעם אונטער דעם רעכטן פליגל, איינעם אונטער דעם לינקן פליגל.

זאָגט דער האָן צו דעם פריץ:

— פריץ, פריץ, לאָז ארויס דאס פערד פון שטאל!

דער פריץ האָט ארויסגעלאָזן דאָס פערד פון שטאל.

— פריץ, פריץ, לאָז ארויס די קו פון שטאל!

דער פריץ האָט ארויסגעלאָזן די קו פון שטאל.

— פריץ, פריץ, לאָז ארויס די ציג פון שטאל!

דער פריץ האָט ארויסגעלאָזן די ציג פון שטאל.



זיינען זיי אַלע אַוועק אַהיים צו דעם **מילנער** און
דער **מילנערין**, ווּ זיי לעבן נאָך עד־היום.



א שיינע מעשה ?

איבערדרוקן פארבאַטן / קלישע ביי
ה. גאָלדבערג / געדרוקט ביי י. הענדלער
אין צוויי טויזנט עקזעמפּלאַרן
ווארשע תרפ״ב 1922

DER MILNER — POWIASTKA DLA
DZIECI / WYDAW. „KULTUR-LIGE“
WARSZAWA 1922
DRUK. I. HENDLERA DŁUGA 26

Printed in Poland

פרייז **250** מארק

צענטראלער ביכער-לאגער
**קולטור-ליגע**
ווארשע, לעשנא 52, וו. 3

41